LIVING TORAH

# פרשת נשא

## בס"ד. משיחת י"ב תמוז ה'תשד"מ

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

ס'איז דאָ אַזוינע חיובים, זאַכן וואָס דער אויבערשטער האָט אַרויפגעשטעלט אויף אַ מענטשן בכלל און אויף אַ אידן בפרט אַ חיוב און אַ שליחות,

וואָס אף על פי אַז זיי חזר'ן זיך איבער מזמן לזמן, אָדער אפילו אַז זיי חזר'ן זיך איבער די זעלבע שליחות מיום ליום – מאָנט דער אויבערשטער בתורתו, וואָס דאָס ווערט אָנגערופן "תורת חיים" – **הוראה בחיים**, און צוזאַמען דערמיט "תורת אמת", אַז ניט ער מאָנט, אַז דאָס זאָל זיין אַ **נאָכגעמאַכטע** זאַך, "כחדשים", נאָר דאָס זיין **באמיתיות**.

און די הסברה, ווי אַזוי קען מען פאַרלאַנגען ביי אַ מענטשן, וואָס ער געדענקט דאָך וואָס ס'איז געווען פאַראַיאָרן און פאַר צוויי יאָרן און מיט יאָרן צוריק – אַז ביי אים זאָל זיין אַ נייע התלהבות מיט אַ נייעם חיות,

איז די הסברה אויף דערויף אויך אַ פשוטה.

דער ציווי, דער אָנזאָג אויף דעם, קומט דאָך פון דעם אויבערשטן, וואָס דער אויבערשטער – פאַרשטייט אפילו אַ קינד און אפילו אַ פשוט שבפשוטים; באַ דעם אויבערשטן איז ניט שייך זאָגן ער איז געוואָרן אַלט, אָדער ער איז יונג, אָדער אין די מיטל-יאָרן וכו',

וואָס דאָס לייגט זיך אָפּ בפשטות, ער דאַרף גאָר ניט אָנקומען צו אמונה; דאָס לייגט זיך אָפּ בפשטות באַ יעדערן, אַז בשעת ס'רעדט זיך וועגן דעם אויבערשטן – איז דאָרטן ניט שייך זאָגן אַז געוואָרן עלטער, אָדער ניט אויף אַזויפיל עלטער, אָדער וויניקער דערפון עלטער, במילא ווערט אַ שינוי אין זיין ציווי, אַז פריער, דעם ערשטן מאָל ער האָט דאָס אָנגעזאָגט, איז דאָס געווען מיט "לפידים" און "כל ההר בוער" און "קול שופר" מיטן גאַנצן שטורעם פון מתן-תורה, און דערנאָך, אויף איבעראַיאָר, איז דאָס געוואָרן אַן אַלטע זאַך – (ביים) ער פאַרשטייט אַליין בפשטות, אַז ביים אויבערשטן איז דאָס ניט שייך זאָגן דעם שינוי.

פרעגט ער נאָך: זאָל מען אים אָבער ערלקערן פאַרוואָס זאָל זיך אָפּלייגן אין זיין שכל און אין זיין הבנה, אַז מצד זיך אַליין דאַרף ער דאָס אויך טאָן מיטן גאַנצן שטורעם.

ענטפערט מען אים, אַז דער ענטפערט בזה איז אויך גאָר אַ פּשוט'ער:

דו ביסט אויפגעשטאַנען היינט אינדערפרי האָסטו געזאָגט "מודה אני לפניך . . שהחזרת בי נשמתי". אין איינפאַכע ווערטער, אַז יעדער טאָג הויבסטו אָן לעבן פון דאָס-ניי, און אַז ס'קומט צו צרכי הגוף, צו אכילה ושתי' גאָר אין איינפאַכן זין – וועסטו זיך באַ זיך ניט רעדן אַז כאָטש אפילו דו ביסט הונגעריק, איז בשעת דו וועסט עסן דעם לחם אָדער טרינקען דעם מים, איז האָט דאָס באַ דיר ניט קיין חשיבות – אף על פי וואָס דו ביסט שטאַרק הונגעריק – וויבאַלד אַז דו האָסט געגעסן מיט אַ נאַכט פריער און מיט אַ טאָג פריער, און דו עסט שוין לחם און טרינקסט מים יאָרן נאָכאַנאַנד – איז וואָס ווערסטו איצטער נתפעל, אַז דו וועסט איצטער אויך עסן לחם און טרינקען מים?



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת נשא

איז דאָס אינגאַנצן ביי אים ניט קיין שאלה, און על אחת כמה וכמה ניט קיין קשיא, און ער דאַרף האָבן קיין הסברה: בשעת ער פילט אַז דאָס איז כלות הנפש – איז אָט דעמאָלט כאַפּט ער זיך צו מיטן גרעסטן שטורעם צו דעם לחם און צו די מים, דער איינפאַכער לחם און מים, פּונקט ווי ער האָט דאָס געטאָן דעם ערשטן מאָל ווען ער איז געקומען לדי הבנה והסברה, אַז צו אַ רעב וצמא, ווי אַזוי דער לחם באַפרידיקט זיין רעבון, זיין זיין הונגעריק, און די מים באַפרידיקן זיין זיין דאָרשטיק.

על אחת כמה וכמה, אַז ס'הענגט אָפּ אָן דערויף זיין **נשמה-לעבן**, וואָס אפילו אַ קליין קינד פאַרשטייט די וויכטיקייט און די העכערקייט פון נשמה לגבי הגוף – איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז דו דאַרפסט ניט האָבן קיין הסברה פאַרוואָס דו דאַרפסט זיך צוכאַפּן זאָגן "מודה אני לפניך" מיטן גאַנצן שטורעם, פּונקט ווי דו האָסט דאָס געטאָן דעם ערשטן מאָל ווען דו האָסט געזאָגט "מודה אני" מיט אַלע טעג בינתיים, קיין איין מאָל ניט פאַרפעלט,

און על דרך זה צו אַלע ענינים וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיט חיי הנשמה.

איי פרעגסט דאָך די שאלה: ער פילט ניט, אַז דאָס איז ביי אים ביז כלות הנפש –

איז דאָך ידוע אין דערויף די דוגמא, אַז אף על פי וואָס דער גוף פילט ניט – איז דאָך נוגע וויסן צי די **מציאות** איז אַזוי, צי די מציאות איז ניט אַזוי;

וויבאַלד אַז ער הערט פון זיין פאָטער אָדער פון זיין מלמד און פון זיין ראש-ישיבה וכו', אַז זיי האָבן **דורכגעלערנט** דעם גאַנצן ענין וכו', און זיי טוען דאָס, און ער זעט, אַז זיי טוען דאָס מיטן גאַנצן שטורעם – איז אף על פי וואָס ער אַליין פילט נאָך ניט דעם כלות הנפש,

ובפרט נאָך, אַז ער האָט אַ דוגמא, אַז ס'איז דאָ אַמאָל ווען רחמנא ליצלן אַז דער גוף איז ניט געזונט, איז אף על פי וואָס אַ משך זמן האָט ער ניט געהאַט קיין מאכל ומשקה – איז מצד דערויף וואָס דער גוף איז **אַ חולה**, פילט ער ניט די נויטיקייט, אַז ער זאָל זוכן לחם און זוכן מים.

וואָס דאָס איז אָדער מצד **חולי** הגוף, אָדער מצד דערויף וואָס זיין שכל והבנה איז נאָך ניט אויף אַזויפיל אַנטוויקלט, ער זאָל וויסן, אַז ער באַפרידיקן זיין הונגער דורך דערויף וואָס ער וועט עסן לחם.

בשעת אָבער ער ווערט מערער בעל-שכל, און ער ווייס, אַז דורך לחם איז "לבב אנוש יסעד", וועט דאָס באַפרידיקן זיין רעבון, זיין הונגער – דאַרף ער ניט האָבן קיין הסברות מערער!

וואָס כאמור, דאָס איז אַן איינפאַכע ערקלערונג וואָס איז ניט נאָר אָנגעמבאַר פאַר קטנים בשנים און "קטנים" בידיעות – דאָס איז אַ **הכרח** (וואָרום) אַז זיי זאָלן דאָס אָננעמען, וואָרום בהנוגע צו חיי הגוף פירן זיי זיך אַזוי טאָג-טעגלעך אין זייער לעבן.

און זיי אַליין ווייסן, און פאַרשטייען, און דאַרפן ניט נוצן אויף דערויף דעם ענין פון אמונה, אַז נשמה איז **העכער** פון גוף, און נאָכמערער – חיי הגוף הענגען אָפּ אָן חיי הנשמה.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.